ספר

# תפארת מתתיהו

## חלק ד' מספר מצות סת"ם השלם

## דיניו ומנהגיו

בעזהי"ת

עמ"י • זה השער לה' צדיקים יבואו בו • עש"ו

ספר

# תפארת מתתיהו

## במקצוע

## מזוזת ישראל כהלכתה

תוכן הקונטרס גילוי ידיעות מבהילות במזוזות המפוזרים בכל קצות הארץ וגם בארצה"ב, ולהזהר ולהשמר בעת הקנייה. כי באי זהירות כל דהו עלול ליפול בפח יוקשים וליאבד מעוה"ז ועוה"ב, ומעשים רבים שכבר אירעו בזה, ואיזהו חכם הרואה את הנולד.


הו"ל בחמלת ה' עלי בזכות אבותי ורבותי הק' זי"ע

**הק' שלום יודא גראס**

רב דקהל „מגן שאול" ד„האלמין" ור"מ בישיבה וכולל „בית ישעי"
**„מכון להוראה בשחיטות ובדיקות"**


בעהמח"ס: **אפיית המצות השלם** (י' חלקים); **גידולי יהודה** (על הלכות ציצית); **שו"ת זבחו זבחי צדק** (על הלכות שו"ב); **חינוך ישראל סבא** (מדריך לחינוך הבנים והבנות); **מדריך לצניעות**; **מזוזת שלום** (על הל' מזוזה); **מנוחת שלום** (הדרכה לכשרות); **מנחת יהודה**, (על חומר איסור „חלב עכו"ם" ו„סימילאק"); **נפש ישעי'** (על מאכלות אסורות, ה"ח); **קדושת ישראל** (על הלכות יחוד); **וש"ס**.

בלאאמו"ר הרה"ג הצ' מוהר"ר **ישעי' זאב גראס** זצ"ל נכד השרף מסטרעליסק, ר' יעקב קאפיל חסיד, ט"ז, ב"ח, תוי"ט, רש"י, ולמעלה בקודש עד דוד המלך עה"ש.


– ברוקלין, יצ"ו • שנת תשל"ט –

– ההכנסה מוקדשת לטובת הישיבה והכולל –

הוצאת

אמונה פאבלישינג

בס"ד

**...טוב מבנים ומבנות שם עולם אתן לו...**

(ישעי' נ"ה ז')

הספר הנוכחי תפארת מתתיהו יצא לאור בסיוע ובעזר העסקן הנפלא ראש וראשון לכל דבר שבקדושה רודף צדקה וחסד וכו'
הרב מוהר"ר

**ד"ר יהושע שטערנבערג שליט"א**

מוקדש לע"נ הוריו
הר"ר מתתיהו סיני בן מוהר"ר ר' שלמה
צבי ז"ל,
נפטר בשם טוב ביום ה' טבת תשל"ט

ולע"נ אמו האשה היקרה העדינה
מרת בלימה בת ר' מתתיהו ז"ל
נפ' ח"י שבט תשל"ז
תנצב"ה

יהי רצון שזכות הרבים היוצא ע"י הקריאה בקונטרס הלזו יעזור ויגן ויושיע לכל העוסקים והמסייעים בהוצאת הקונטרס, שיזכו מתוך נחת והרחבת הדעת לראות בנים ובני בנים ברוכי, מזוני רויחי, וחיי אריכי, כל ימיהם לעולם אמן.

דפוס הדר
EXCELLENT VARITYPER & PRINTER
195 Lee Ave., Brooklyn, N.Y. 11211
Tel.: (212) 384-4249

# הקדמה

ראה ראיתי בהפרצה הנוראה במקצוע מזוזות השוררת בעו״ה בכל קצות תבל בגלל שמלאכת קודש הלזו, כמו שאר עבודת הקדש, נתהפכה למסחר גדול, ונערים המנוערים מן המצות וריקים מכל זיק תורה ויר״ש עוסקים בעבודת הקודש הלזה שאינה הולמתם, וכיון שסתם ההמון, ואפילו הלומדים, אינם בקיאים בדיני צורות האותיות ניקל ביותר להערים ולהונות הקונים, התמימים.

ודין גרמא כי לא די שמבטלים כל הימים עלי אדמות מצות מזוזה ותפלין, אולם גם תוצאות העונשים להמבטל מצות יקרות הללו אין נמנעין מן השמים, כמבואר בהפוסקים ובמציאות היום־יומית.

וע״כ אזרתי כגבור מתניי החלשות, לצאת לקראת נשק בקסת הסופר בקריאת קול־קורא, וגם בהדפסת ספרים.

לגלות לאשר לא ידעו ולהזכיר את אשר ידעו כי המצב ירוד מאד מאד בכל הנ״ל, והבאתי מעשים רבים שאירעו בחמישים שנים האחרונות וגם בימינו אלה מאורעות שונות ומשונות צרות רבות ורעות על אשר עזבו מצוה יקרה הלזו, ואפילו במקום אונס גמור לא הועיל להנצל מהפגעים מכל עבר ופינה.

וגם בקונטרס הלזה כוונתי להושיט בקנה כל הידיעות הנ״ל, בבטחון שיתעוררו אחינו בני ישראל לדקדק אחר מצוה זו כדבעי, ובהעצות לזה ג״כ נכללים בתוך הקונטרס.

ובזכות זה ישמור אותנו השומר, מקל וחומר, ונזכה לראות במהרה בנחמה בכפלים, בבנין ציון וירושלים במהרה.

**הק׳ שלום יודא גראס**
אבדק״ק האלמין

# די וויכטיקייט פון כשר'ע מזוזות

## אַ רוף צו רבנים

### אינהאלט

אַ רוף צו תשובה .......... א.
סדר התשובה .......... ב.
סדר התענית .......... ג.
דער תיקון ווען ספרי תורות ווערן פאַרברענט רח"ל ...... ד.
פסולע ספרי תורות .......... ה.
אן אויפרוף צום ציבור .......... ו.
פערציג טויזענט אידען האָבען געלייגט פסולע תפילין ...... ז.
נישט ערליכע סופרים .......... ח.
מענטשען גייען אין פאַפירענע תפילין .......... ט.
תפילין סעט – און מזוזה סעט .......... י.
תקנה קעגן וואַקסענדע מכשולות יא.
אויפרוף צו ראשי ישיבות און מנהלים ..........
די תפלין האָבען אים געהאָלפען מיט קינדער .......... יב.
די מורא'דיגע טראַגעדיע – דורך נישט באַקוקען די מזוזה! . יג.
מדה כנגד מדה .......... יד.

# ספר תפארת מתתיהו

## – א –

### א רוף צו תשובה

די לעצטע פאָר יאָר האָט פּאַסירט פילע אומגליקען פיזישע און גייסטישע, צענדליגע ספרי תורות זענען ל"ע פאַרברענט און גערויבט געוואָרען, ווי אויך הינדערטער פּאָרען תפילינ'ס, מיט אַנדערע ספרי קודש אין ווערט פין שווערע טויזנטער דאָלאַרען, צוזאַמען מיט אַ רייע בתי מדרשים, ישיבות, און תלמוד תורות, ווי דער קול תורה ותפלה האָט אָפּגעקלינגען פין פאַרטאָגס ביז די שפּעטער נאָכן שעה'ן, זענען טאָטאַל פאַרניכטעט געוואָרען ל"ע.

אידען מאמינים בני מאמינים ווייסען און גלייבען אַז קיין שום פּאַסירונג אָדער אומגליק ח"ו איז נישט קיין צופאַל בפרט ביי אומגליקען ביי תשמישי קדושה נאָך דערצו אין אַזאַ גרויסען פאַרנעם אַזוי אָפט.

דער הייליגער רמב"ם שרייבט אין אָנהייב הלכות תענית אַז די ווערטער „אם תלכו עמי קרי" וואָס שטייט ביי די תוכחה באַדייט, דאָס אויב מען וועט אָנהעגנען די אומגליקען וואָס ווערען צו געשיקט פין הימעל אַז עס איז בלויז אַ צופאַל, דעמאָלס פירט אויס דער פסוק ווייטער וועט השי"ת מערען צו שטראָפען ח"ו.

קומט אויס לויטן רמב"ם (וואָס איז ווי באַקאַנט פון אונזערע גרעסטע הלכה אויטאָריטעטען), אַז דער שטראָף פאַר נישט באַרעכנען זיך באַצאַטענס ווען עס פּאַסירט ח"ו ל"ע אַ פלוצלינגדיגען אומגליק, און טוהן הלכה למעשה צו פאַרעכטען דעם פעלער וואָס האָט צו געברענגט דעם טראַגעדיע, לויט די אָנווייזונגען פין די ספרים הקדושים וואָס זענען געווידמעט אַרויסצוגעבען דעם אורטייל אויף יעדען סאָרט אומגליק ח"ו וואָס מען דאַרף זיך פאַרנעמען ביי זיך און ביי די גאַנצע בני בית אויף להבא.

צ.ב.ש. א) אויב ח"ו עס פּאַסירט אומגליקען ביי קליינע קינדער וואָס זענען רייד פון זינד, דאַרף מען ערשטענס באַקוקען די מזוזות, שבת לב:. ב) דערנאָך דאַרף מען שטאַרק נאָך קאָנטראָלירען אויב די אייגענע ציצית אָן אויך פין די קינדער זענען געמאַכט הונדערט פראָצענט עפ"י הלכה (טו"י, שזירה לשמה, מצמר), (שבת לב: ועיין בספרי גדולי יהודה על ה' ציצית באריכות). ג) דאַרף מען נאָך קאָנטראָלירען די עסענס וואָס מען פיטערט דערמיט די קליינע קינדער ווי „סימילאַק" (Similac) און אַנדערע פורמולאַס, (אַחוץ ביי **„פיקוח נפש"**) ווייל ווי באַוואוסט זענען זיי געמאַכט פון „חלב עכו"ם" און ענטהאַלטען אויך אַ מישונג פון „חֵלֶב" (איסער סויאלאק און isomal וואָס איז געמאַכט

פון געוויקסען וואָס זענען ריין פון „חלב עכו״ם״. וועגן אַנדערע חששות זענען מיר נישט אינפאָרמירט). ועיין בספרי מנחת יהודה באריכות.

ד) דאָס גלייכען דאַרף מען גוט דורכשטודירען אַלע שפייז פראָדוקטען וואָס קומען אַריין אין שטוב סיי פאַר קינדער סיי פאַר ערוואַקסענע אויב עס איז טאַקע ריין הונדערט פראָצענט פון אַלע חששות אין כשרות, איינגעשלאָסען גלייכצייטיג די ערנסטע חשש פון ווערים וואָס איז זייער אַקטועל ביי אַסאַך פראָדוקטען צ.ב.ש. מעל, לאָקשען, און פערפעל, רייז, איבערהויפט זימער דאַרף מען זיין זייער פאָרזיכטיג זיי נישט צוהאַלטען אויף אַ וואַרעם פלאַץ וויל די וואַרעמקייט פאבריצירט ווערים, אפילו דאָס שאַכטעל איז פאַרמאַכט.

ע״כ איז די עצה דערצו: זימער צו האַלטען אין רעפריזשערעיטער, און ווינטער צו האַלטען פאַרמאַכט אין גלאזענע באטליך, אפילו באנדליך איז אויך וויכטיג צו האַלטען אין גלאזענע כלים, די פאָלגענדע גרינצייג און פרוכט דאַרף מען בודק זיין פאַרן עסען: 1. ברוסל ספארט, 2. גרינע ארבעסן, 3. לעטערס (סאלאט), 4. מאלינעס (רעסבעריס), 5. ניסען, 6. קשו־ניס (Cashew-Not) טאָר מען נישט עסען גאַנצער הייט נאָר מען זאָל דאָס צונעמען, און זאָל באַקוקען צו עס איז אינגאַנצען זויבער, און אויב ער וועט טרעפען שוואַרצע פינטלעך דאַרף ער דאָס אַראָפּ נעמען ווייל דאָס איז ווערים (ח״א) 7. ספינאט, 8. קאליפלאר, 9. קרויט, 10. שוועמלעך (מאשרום). (ועיין בספרי נפש ישעי׳ עמוד רפ״ט באריכות, ובספרי דיני דגים ותולעים שיצא לאור בקרוב).

ה) מען טאָר אויך נישט פאַרגעסען דעם וויכטיגען פרט פון צניעות וואָס האָט זייער אַסאַך צו זאָגען אויף אַלע סאָרטען אומגליקען (חפץ חיים באגרת הידוע, ר״ה מקאלאמייע בכל ספריו, ועיין בספרי מדריך לצניעות באורך נפלא).

## — ב —

## סדר התשובה

כדי דער ברייטער המון זאָל האָבען אַ שטיקעלע באַגריף וואָס דאָס באַדייטען די אַלע תעניתים וואָס ווערען געברענגט אין די פוסקים, ווי אויך אין די מוסר ספרים, און די ערשטע רייען פון די סידרי התשובה, וואָס פון דעם קען מען זיך אויפדרינגען אַז דער קלימאַקס פון תשובה איז צו פאַסטען, בפרט ווערט דאָס אויסגערעכענט ערשט אין אַלע תשובה ספרים ווען עס מאַכט זיך ח״ו אַ בזיון פון אַ ספר תורה צ.ב.ש. אַ ס״ת וואָס איז אַראָפּגעפאַלען ח״ו, (עיין במג״א או״ח סי׳ מ״ד, ועיין עוד בשו״ת אבני צדק, אמרי א״ש או״ח סי׳ ו׳, באר משה ח״ד, באר שבע דף ל״ז, בית היוצר סי׳ י״ד, ברכ״י יו״ד סי׳ רפ״ב, דברי חיים יו״ד סי׳ נ״ט, הרי בשמים מהדו״ת קל״ט, זכור לאברהם ערך ס״ת,

חיים שאל סי׳ י״ב, מהר״י הכהן סי׳ ל״ז, משנה הלכות ח״ד סי׳ ק״ל, נפש חי׳ ועוד (ובספר מנחת ש״י הארכתי בזה באריכות), אָדער תפילין וואָס איז אַראָפּ־געפאַלען, און אפילו מזוזות לויט טייל פוסקים (ועיין במזוזות שלו׳,) אין דער גרעסערער חלק פון די תשובה געווידמעט ווי אַזוי אומציגיין ווענן פאַסטען, האָב איך געהאַלטען פאַר אַ רעכטע שריט צו ציטירען פון די דברי חז״ל (תענית יב, רמב״ם ה׳ תענית פ״א ה׳ י״ז) טואו״ח תקס״ט, תקע״ה) וואָס טועהן אונז ערקלערען וואָס זענען די מאָטיוועו פון גוזר תענית זיין.

– ג –

### סדר התענית

אין דעם באַשטימטען פאַסט טאָג וואָס מען האָט גוזר געווען אויפן ציבור זענען זיך צוזאַם געקומען אין ביהכ״נ בי״ד און די זקנים צוזאַמען מיטן גאַנצען ציבור דאָס ערשטע האָבען בי״ד און די זקנים אונטערזוכט און געפאָרשט אַלע מכשולות וואָס עקזעסטירט אין די שטאָט, דאָס האָט געדאַרט אַ האַלבען טאָג, און זיי האָבען מתקן געווען תקנות אָפּצוטוען אַלע מכשולות פון עבירות.

**דער בי״ד דאַרשענט און וואָרענט און פאָרשט נאָך די אַלע וואָס רויבען געלטער, און טועהן זיי אָפּשיידען פון כלל ישראל, דערנאָך שטארעמען זיי אויף די געוואַלד׳ס מענטשען וואָס טעראָריזירען יעדען וואָס איז אין ווידערשפראך מיט זייערע פרענציפּען און ווילען נישט אויספאָלגען זייערע פּאָרלאַנגען,** טוט זיי דאָס בית דין שטאַרק דערנידערען, דאָס זענען די פונקציעס פון ערשטען האַלבען טאָג. דעם צווייטען האַלבען טאָג ליינט מען אין די תורה מענינא דיומא און מען דאַוונט און מען זאָגט ווידוי און מען טוט תשובה.

פון די הייליגע ווערטער פון די חז״ל קענען מיר זיך פיהל לערנען, 1. ערשטענס אַז דאָס עצם פאַסטען איז בלויז אַ טפל פונעם סדר היום, 2. דער עיקר איז תשובה טוהען אינערליך מיט חרטה געפילען אויפן עבר, און אַ פעסטען באַשלוס אויף להבא, 3. דער צענטראַל פונקט פונ׳ם יום התענית איז די אויפגאַבע פון די פאָלק׳ס מנהיגים ורבנים גוט נאָכצופאָרשטען אַלע עבירות וואָס זענען אַקטועל און דער צייט פון די טראַגישע געשעהנישען, 4. נאָך טוהען מיט אנטנעמען פון די גאָלדענעם לשון פון רמב״ם, אַז דאָס רויבען און טעראָריזירען איינער דעם אַנדערען וועגען אייגענע פּאָליטישע אינטערעסען, בפרט ווען עס האַנדעלט זיך וועגען פון אנשים מכובדים מנהיגי העדה איז שקול קעגען אַלע אַנדערע עבירות.

יעצט טייערע אידען! לאָמיר ערנסט אַ טראַכט געבען צו זענען מיר טאַקע יוצא אַ יום התענית מיט פאַסטען בלויז, און דער צייט וואָס די גמרא מיטן

רמב"ם מיטן טור פאַסקענען אַלע אַז דאָס איז בלויז אַ טפל און דער עיקר איז דאָס אויבענדערמאָנטע, און קיינער איז נישט מחולק דערוף.

ע"כ איז לפחות יעדער יחיד פאַר זיך מחויב זיך מתבונן צו זיין פאַרוואָס האָט השי"ת צוגעשיקט די לעצטע צייטען אַזויפיהל טראַגעדיעס נאָכאַנאַנד, און מתקן זיין ביי זיך אין שטוב ווי ווייט מעגליך אַלע הינזיכטען וואָס נויטיגען זיך פאַרבעסערונגען. צ.ב.ש. לאָזען בודק זיין די מזוזות, און תפילין, (זע ווייטער בשם הגה"ק ר"י גרינוואַלד) און אויך ספרי תורות וואָס זענען לײדער זייער פעלער האפט, און די אַלע אויבענדערמאָנטע זאַכען, כדי צו פאַרגרינגערען פאַרען יחיד האָבען מיר צוזאַעם געגומען אויף איין פלאַץ די מכשולות פון כשרות און צניעות, מיט מזוזות, ציצית, חינוך, און אָפּגעדריקט מיט די פאָלגענדע נעמען, א) נפש ישעי', ב) מנחת יהודה, ג) קדושת בנות ישראל, ד) מדריך לצניעות, ה) חינוך ישראל סבא, ו) מזוזת שלו' על ה' מזוזה, ז) גדולי יהודה על ה' ציצית, ח) מנוחת שלו', ט) הלכה למשה על מכשולות שונות, י) שו"ת זבחו זבחי צדק על יו"ד ח"א, ועוד.

צי דעם צוועק האָבען מיר גערעכנט פאַר פאַסיג צו ציטירען די אָנווייזונגען פון הגה"צ המ"פ ר"י גרינוואלד זצ"ל, ווי אַזוי זיך צו פיהרען אין די צייט פון שריפות ספרי תורה רח"ל.

– ד –

## דער תיקון ווען ספרי תורות ווערען פאַרברענט רח"ל

אין שו"ת זכרון יהודה פון הגה"ק מוהר"ר יהודה גרינוואלד אבדק"ק סטמאר זצ"ל (ח"א סימן מ"ד) שרייבט ער צו די שטאָט טאשנאד וואָס דאָרט זענען פאַברענט געוואָרען אין שנת תרע"א 2 ספרי תורות, עטליכע טלתים און תפלין, מיט סידורים און אַנדערע הייליגע חפצים, אַז די תיקונים אויסערען פאַסטען דאַרפען זיין דריי פאַכיג.

1. געוואָרענט זיין מער מכבד צו זיין די תורה נישט צו שמיסען בשעת'ן ליינען (ועי' ספר ואמרו אמן על הלכות עניית אמן באריכות שהדפסתי לפני 10 שנים).

2. יעדען עש"ק זאָל דער בעל קורא מגיה זיין די וואָכעדיגע סדרה אין דעם ספר תורה וואָס מען גייט ליינען דערין מאָרגען.

3. מען דאַרף לאָזען רופען אַ סופר סת"ם וואָס זאָל אַרום גיין אין אַלע אידישע שטיבער פון דער קהילה, און בודק זיין אַלע מזוזות און אויב מעגליך אויך אַלע תפילינס, די באַצאָלונגען פאַרען סופר זאָלען גענומען ווערען פון קהל'ס קאַסע וכו', עיי"ש באריכות.

## – ה –

## פסולע ספרי תורות

עס איז לײדער אַ גרויסער בזיון צו זאָגען, אַז אַ גרויסע פּראָצענט פון די בתי מדרשים האָבען פסולע ס"ת און אפילו פון די כשרע איז אַ גרויס חלק בשעת הדחק און בדיעבד, אַזוי אז עס קען אויסקומען טייל מאָל אַז מיט'ן נישט עולה זיין מפטיר טוט מען אַ גרעסערע עילוי נשמה פאַר די אבות ווי מען איז יאָ עולה, ווייל אויב דער ס"ת טויג נישט ח"ו דעמאָלס האָט מען געמאַכט 2 ברכות לבטלה חוץ דעם וואָס מען האָט נישט יוצא געווען מצות שמיעת און קרה"ת, דאָס קען אויך זיין אַן אורזאַך פון די פיהלע טראַגעדיעס ביי ס"ת וואָס מען ליינט אין פסולע ס"ת רח"ל, אַזוי זעט אויס פון דעם ערשטען תיקון וואָס הגה"צ ר"י גרינוואַלד זצ"ל שרייבט ווי פריער דערמאָנט.

דעריבער מאַכען מיר אַ אויפרוף צו אַלע רבנים, שמשים, גבאים, מיט ראשי קהילה, וואָס אויף זיי ליגט געגצליך דער אחריות פון די אַלע ברכות וואָס ווערען געמאַכט אויף די תורה, מיט'ן חיוב פון מצות קרה"ת, דאָס זיי זאָלען געבען זאפּארט בודק און מגיה זיין זייערע ס"ת ביי אַ סופר מומחה ויר"ש מאוד.

**באַמערקונג!** עס קען פאַסירען אַז מען האַלט זיך אָפּ פון געבען בודק זיין די ס"ת בלויז צוליב געלט מאַנגעל, דעריבער איז די פּאַסיגע עצה צוזאַמען נעמען די עקסטפּענסעס ביי די מתפללים וואָס ווען געדען צו שטייער געבען פאַר אַזאַ חשובע מצוה, דערצו וואָס דער צוועק איז זיי זאָלען אויסגעהיט ווערען פון ברכות לבטלה.

## – ו –

## אן אויפרוף צום ציבור

יעדער פּריוואַט מענטש וואָס איז עולה צו די תורה, און באַמערקט דאָס מינדעסטע ענדערונג, צ.ב.ש. אותיות וואָס זענען רויט אָדער נאָך ליכטיגער, אָדער איין אות רירט צו דעם צווייטען, אָדער אַ אות איז אין מיט'ן אָפּגעהאַקט, אָדער עס פעלט תגין, אָדער אַן אות וואָס איז נישט געשריבען געהעריג, צ.ב.ש. אַן וא"ו וואָס זעט אויס ווי אַ רייש, אָדער אַ ענדע כ"ף וואָס זעט אויס ווי אַ רייש, אַ ה"י וואָס זעט אויס ווי אַ קו"ף, א.ד.ג. איז ער מחויב ע"פ תורה מעורר צו זיין דעם רב און די אַנדערע אָנפירער פון די קהילה אַז מען זאָל זעהן צו פאַרעכטען דעם ס"ת.

– ז –

## פערציג טויזענט אידען האבען יארען לאנג געלייגט פסולע תפילין

אין ספר שו"ת רב פעלים ח"ד סי' ב' ווערט געברענגט דאָס אין די גאַנצע שטאָט „באגדאד" וואָס האָט באַזיצט 40 טויזנט פערזאָן העכער בר מצוה, רעכטע שומרי תו"מ, וואָס צוליב אום ווסענקייט האָבען זיי יאָרען לאַנג געטראָגען תפילין וואָס זענען נישט געווען מרובע, (קוואַדראַט, די לענג און די ברייט איינינג) ביז עס איז אָנגקומען אַ איד און האָט דאָס אַנאַכט גענומען און תיכף מעורר געווען און אויפגערודערט די שטאָט, ביז די גאַנצע שטאָט איז געגאַנגען חאָדאָרם, עס זענען זאויפארט אָנגענומען געוואָרען ריכטיגע שריט צו פאַרעכטען דעם פעלער דורך הגה"צ ר' יוסף חיים בעל איש חי זצ"ל דער מרא דאתרא פון שטאָט. זעהן מיר פון דעם אַז בלויז די נאַכלעסיגקייט פון איין קליינעם פרט פון הלכות תפילין האָט צוגעברענגט אַזאַ גרויסען מכשול, וואָס האָט געפאסעלט די גאַנצע תפילין.

און וויסען זאָלט איר אַז די דורות זענען גאָרנישט בעסער געוואָרען נאָר אדרבא פיהל ערגער, אַז די מכשולות גרייכען שוין איבערן קאָפּ.

דעריבער וועלען מיר ציטירען איינס באַ איינס די מכשולות וואָס זענען היינט צו טאָג אַקטועל ביי תפילין וואָס טייל דערפון קען דער פריוואַטער מענטש אויך נאָכקאָנטראָלירען און טייל מוז געטאָן ווערען אויסשלידלעך דורך אַ סופר מומחה ויר"ש.

1. **פראָבלעם:** די תפילין זענען טייל מאָל נישט פינקטליך קוואַדראַט.

**עצה:** אויסצומעסטען מיט אַ מילימעטער מעסטער אויב די לענג און די ברייט איז איינינג, אָדער אפילו מיט סתם אַ פאַפירעל ווי עס ווערט צוגעברענגט אין מ"ב (סי' ל"ב).

2. **פראָבלעם:** דער תיתורה וואָס דאָס באַדייט דער אינטערשטע חלק פון תפילין דאַרף אויך זיין קוואַדראַט

**עצה:** דאָס זעלבע ווי נומער 1.

3. **פראָבלעם:** די תפירה (די פאָדעם מיט וואָס די תפילין איז צוזאַם גענייט דאַרף אויך זיין קוואַדראַט, און זייער אָפט איז דאָס נישט קוואַדראַט.

**עצה:** אַזוי ווי נומער איינס, דער ח"א זאָגט עדות אַז דאָס קען פאַסירען אפילו ביי גיטע סופרים.

4. **פראָבלעם:** סיי דער קוואַדראַט פון נומער 2, סיי דער קוואַדראַט פון נומער 3, דאַרפען זיין סיי פון אויבען און סיי פון אונטען דאָס מיינט סיי דער תיתורה סיי די תפירות דאַרפען זיי קוואַדראַט אויבען און אינטען.

דער מ״ב שרייבט (סי׳ ל״ב ס״ק קע״ז) אַז ליידער בעווה״ר זייער אַסאַך מענטשען גיבען נישט אַכטונג אויף די תפילין אַז זיי זאָלען זיין געהעריג קוואַדראַט, און אפי׳ צווישען די מדקדקים במצות איז פאַרהאַנען אַזעלכע וואָס גיבען נישט אַכטונג נאָר אויף די אויבערע טייל פון די בתים עס זאָל זיין קוואַדראַט, אָבער זיי קוקען זיך נישט אום אויף די תיתורה, און אויף די תפירות וואָס דאָס איז אויך מעיקר הדין, און עס איז זייער גרינג צו פאַרעכטען.

5. **פראָבלעם:** אפילו די תפילין וואָס זענען געווען נייערהייט געהעריג קוואַדראַט אויב מען זעהט אַן ענדערונג צום ביישפיל די שפיצען זענען אָפגעהאַקט אָדער די בתים זענען אויסגעבויגען אָדער די תיתורה איז אויסגעבויגען אָדער די תפירות זענען קאַליע געוואָרען דאַרף מען דאָס תיכף פאַרעכטען (מ״ב שם קפ״א).

6. **פראָבלעם:** טייל מאָל זענען די בתים אַליין נישט קוואַדראַט קלעבען די סופרים אַרויס אַ מין קאַלעך וואָס מאַכט קוואַדראַט די בתים (שו״ת נו״ב סי׳ א׳, חיי״א כלל י״ד אות ב׳).

**עצה:** דאָס בעסטע איז נישט צו קויפען נאָר ווייסע תפילין פאַרען פאַרבען און צו זיין מער געזיכערט זאָל מען דאָס נעמען צו אַ סופר ירא״ש וואָס פאַרשטייט צו בתים נישט ביי דעם ביי וועמען מען האָט דאָס געקויפט, טייל האָבען מורא צו קויפען ווייסע בתים פון א״י ווייל ער וועט נישט האָבען ווי אַזוי צו פאַרבען, דעריבער זאָל מען וויסען אַז די סופרים פאַרבען תפילין.

7. **פראָבלעם:** עס איז אַ גאָר אָפטע ערשיינונג אַז די קריצען ביי תפילין של ראש זענען געפעלשט, דאָס הייסט אַז די עיקר הלכה איז אַז איין בית מוז זיין אָפגעטיילט פון צווייטען מען זאָל דאָס גיט דערקענען, אַסאַך סופרים מאַכען אַ שווינדעל און זיי פאַרקלעבען די ריכטיגע קריצען און אויף דעם קלעב טוהען זיי אויספאָרעמען נייע שיינע קריצען, דאָס איז פסול (חיי״א ה׳ תפילין, בה״ל סי׳ ל״ב, מ). אַזוי איז פאַרהאַנען נאָך צענדליגע פראָבלעמען דעריבער איז די עצה צו קויפען די בתים פון אַ ירא״ש ומדקדק במצות, און דערנאָך געבען צו באַקוקען פאַר אַ סופר מומחה ויר״ש וואָס פאַרשטייט צו בתים

## - ח -

## נישט ערליכע סופרים

דער חת"ס שרייבט (ח"ו סי' פ"ג) פאַר אַ רב נאָך אין זיינע צייטען אַז די סופרים פון זיינע צייטען זענען נישט בקי און זענען מכשיל הרבים און עס איז פאַרהאַנען הונדערטער ערליכע אידען וואָס האָבען נאָך נישט געלייגט אין זייער לעבען קיין כשר'ע תפילין און די רבנים מאַכען זיך נישט וויסענדיג אויף זיי, און אַזוי שרייבט אויך דער קסת הסופר אין נאָמען פונעם משנת חכמים.

דער חיי"א שרייבט אַז רוב סופרים אין זיינע צייטען זענען נישט קיין בני תורה אין אַ סאַך פלעצער האָט ער געזען אַז זיי האָבען נישט קיין יר"ש און אַלע זייערע מעשים איז בחזקת פסול און מען טאָר נישט קיין ברכה מאַכען אויף זייערע תפילין ומזוזות אפילו דער כתב איז מהודר ווייל זיי זענען נחשד אויף חק תוכות און שלא כסדרן.

נו! וואָס זאָלען מיר שוין זאָגען היינטיגע צייטען?

## - ט -

## מענטשען גייען אין פאַפירענע תפילין

ליידער זענען פאַרהאַנען טויזנטער אידען וואָס גייען אַרום אַגאַנץ לעבען מיט בתים וואָס זענען געמאַכט פון פלעסטיק, אָדער האַרטע פאַפען דעקעל, דאָס קען פאַסירען אפילו ווען מען קויפט דאָס פון אַן אייגענעם קאַזען לויט ווי מיר זענען אינפאָרמירט. די איינציגע עצה אויף דעם איז צו קויפען דירעקט פונעם בתים מאַכער און נאָר דאַן ווען מען קען איהם אַלץ ערליכער איד און מדקדק במצות, דערנאָך זאָל מען עס הערשט ווייזען פאַר אַ סופר.

## - י -

## תפילין סעט און מזוזה סעט

ברון מזכיר נשכחות! איך בין געווען אַמאָל אין אַ ספרים געשעפט האָב איך געהערט ווי איינער קומט אַריין און פאַרלאַנגט אַ בר מצוה סעט! האָט איהם דער פאַרקויפער געפרעגט וויפיהל ווילט איהר ספענדען און לויטען פרייז האָט ער איהם פאַרקויפט פאַר בערך 25 דאָלאַר, שומו שמים!!! די בתים זענען זיכער געמאַכט פון פלעסטיק מיט פרשיות פון פאַפיר אָדער אינגאַנצען אָן אַ פרשיות, דער טלית איז אַ שאַל וואָס אפילו זאָל זיין כשר'ע מטריאל איז מען אויך נישט יוצא די מצוה (עי' מג"א סי' ח' וספרי גדולי יהודה על ה' ציצית)

כ"ש אַז די ציצית פונעם שאל זענען שטריקלעך, קומט אויס דער ס"ה פונעם גאַנצען פעקעל 3 ברכות לבטלה פון די ציצית און די תפילין, און נישט מקיים געווען אַ גאַנץ לעבען ציצית און תפילין, ווייל דאָס קען איך זאָגען אויף זיכער ווי אַלע פאַך לייט ווייסען גוט אַז תפילין מיט פרשיות וואָס מען צאָלט דערפאַר אפילו 35־40 $ און נאָך מער איז נישט מעגליך עס זאָל זיין כשר. ווייל דער בתים מאַכער און דער סופר קענען דאָס בשום אופן נישט פאַר אַזאַ פרייז ערצייגען. און ליידער גייען טאָג טעגליך הונדערטער אידען איינקויפען אַ בר מצוה סעט ביי די גרויסע דעפאַרטמענט סטאָרס. ווי מען קען באַקומען די תפילינס אין אַלע פאַרבען, עס זאָל „מעטשען" צום „סוט", די סיבה איז ווייל דאָס עם הארצות איז זייער גרויס און די רבנים זענען נישט גענוג מעורר.

## – יא –

## תקנה קעגען וואקסענדע מכשולות
## אויפרוף צו ראשי ישיבה און מנהלים

ליידער וואַקסען אַרויס יעדען טאָג אַנדערע מכשולות און גלייכצייטיג וואַקסט דאָס עם הארצות מיט'ן פולען טעמפּאָ, דאָס אַלע ברענגט צו אַז די פסולע תפילין ומזוזות ווערען אַלץ מער און מער פאַרפלייצט, און דאָס כלל ישראל נויטיגט זיך אַ באַלדיגען הילף זיך אַרויסצודראַפּען פון דעם שווערען געראַנגעל מיט די סופרים קלים וואָס פאַשפּרייטען פסולע תפילין ומזוזות, עס ליגט אַ פליכט אויף יעדען אייציגען בן תורה צו זוכען אַן אויסוועג ווי אַזוי מען רוימט אויס די פסולע תפילין ומזוזות, און מען היט אויס מען זאָל נישט נכשל ווערען ווייטער, איין עצה וואָס מיר טראַכטען פאַר אַ גלונגענע מען זאָל איינפירען אין די ישיבות מען זאָל לערנען מיט די תלמידים יעדעס יאָר מיט אַ שיכט פון בחורים אַלץ אַ זייטען שיעור הלכות סת"ם דאָס מיינט די גמרא מנחות טואו"ח שו"ע סי' ל"ב ביז סי' ל"ז גרינטליך.

די צורות האותיות זאָל געלערנט ווערען דורך אַ געניטען סופר ויר"ש אַזוי אַרום אַז ווען מען קויפט זיך תפילין אָדער מזוזות זאָל מען קענען מער וויניגער אַליין באַמערקען אויב עס איז כשר אָדער פסול דאָס וואָלט געווען אַ געוואַלדיגע אויפטו אויף להבא.

וועגען פאַרגאַנגענהייט איז אַ שטיקעל עצה וואָס איז אַן הצלה פורתא מען זאָל זיך צוזאַמען נעמען אין יעדען ביהמ"ד אַפּאָר אידען לשם מצוה לזכות הרבים און צוזאַמען נעמען געלט און אויסצאָלען אַ סופר וואָס זאָל קומען אין ביהמ"ד אַריין אַוואָך אָדער מער לויט'ן געברויך און יעדער מתפלל פון ביהמ"ד זאָל זיך ברענגען זיינע מזוזות און תפילינס בודק צו זיין, און דאָס איז אַ פליכט אויפן רב צו שאַפען די עסקנים.

– יב –

## די תפילין האבען איהם געהאלפען מיט קינדער

עס האָט פאַסירט לעצטענס ביי אַ וויליאַמסבורגער איד (רוצה בעילום שמו) וואָס האָט לאַנגע יאָרען ל"ע נישט געהאַט קיין קינדער.

ויהי היום האָט ער זיך געגעבען בודק זיין די תפילין און שאקירט געוואָרען געוואָר ווערענדיג אַז דער וואָרט בניכם פון „למען ירבו ימיכם" האָט געפעלט טאָטאַל נישט לאַנג נאָך דערויף וואָס ער האָט זיך געקויפט נייע כשר'ע פרשיות איז ער מיט השי"ת'ס הילף געהאָלפען געוואָרען, **שמעו עמי בינה זאת!**

– יג –

## די מורא'דיגע טראגעדיע – דורכ'ן נישט באקוקען די מזוזה!

די מעשה האָבען מיר ערהאַלטען דורך אַ דירעקטען טעלעפאָנישען באַריכט ומעשה שהי' כך הי', ביי אַ איד אין א"י אין בני ברק איז ל"ע פאַר קיינעם געדאַכט שטערבליך קראַנק געוואָרען אַ יונג קינד פלוצלינג, דער פאָטער'ס אַ גוטער שכן וואָס האָט זיך שוין געהאַט אָנגעהערט זייער פיהל פון רעבישע מופתים האָט תיכף אָנגעפרעגט איינעם פון די גרויסע חסידישע רביים אַן עצה, האָט דער רבי געלאָזט ענפערען מען זאָל זאפארט בודק זיין די מזוזות, דער שכן האָט דאָס איבער געגעבען פאַרען פאָטער און דער פאָטער זייענדיג אַ מתנגד האָט באַשלאָסען צו פרעגען זיינעם אַ ליטווישען ראש ישיבה אַ מפורסם'דיגער גדול צו ער זאָל פאָלגען די עצה, דער ראש ישיבה האָט פאַרדאַמט די עצה באַמערקענדיג מיט געציילטע ווערטער דאָס איז חסידישע מעשיות (ליידער איז אַ שטיקעל ב"י אין ה' מזוזה היינט צו טאָג אויך חסידות) אַז דאָס קינד איז קראַנק דאַרף מען גיין צו אַ דאָקטער און נישט מעהר.

ביז אַ קורצע צייט איז דאָס קינד ל"ע נעדר געוואָרען דער חסידישער שכן בעת ער איז געגאַנגען מנחם אבל זיין האָט ער פון גרויס אמונת צדיקים זיך נישט געקענט צוריקהאַלטען און אַראָפּגענומען די מזוזה אָן ערלויבעניש, שטעלט אייך פאָר וואָס ער האָט דאָרט געפונען? דער וואָרט בניכם פונעם פסוק למען ירבו ימיכם האָט געפעלט!!!

## – יד –

## מדה כנגד מדה

ענדליך צו די פריערדידגע מעשה האָט פּאַסירט ביי אַ צוווייטען איד אין א"י וואָס האָט געליטען זייער שווער אויפן האַרץ ל"ע האָט אים אַ רבי מייעץ געווען בודק צו זיין די תפילין ומזוזות טאָמער זענען זיי נישט אין אָרדענונג, וכך הוה! מען האָט געטראָפען אין איינעם פון די מזוזות אַז עס האָט געפעלט דער וואָרט „לבבך". האָט מען באַלד געטוישט די מזוזות און די מחלה איז גענצליך פאַרשוואונדען געוואָרען. די דאָקטורים האָבען זיך נישט געקענט גענוג אָנוואונדערען פון דעם פּלוצלינגדיגען אומגעריכטען ענדערונג.

די מעשיות זענען באַלערענדע מוסר רייד פאַר אַלע לײדענדע, זיך נישט צו זוימען און זאפארט בודק זיין די תפילין און מזוזות ווייל עס קען מעגליך זיין ביי איינעם וואָס ער האָט באַנקראָטירט אַז עפּעס האָט נישט געטויגט מיט'ן וואָרט „מאדך".

איינער וואָס האָט שלאָפלאָזע נעכט, קען זיין דאָס וואָרט „ובשכבך" איז נישט כשר געשריבען.

איינער וואָס האָט ל"ע צער גידול בנים אָדער איז אַליין פרי אַוועק פון דעם עולם ל"ע, קען זיין אַז דער פסוק „למען ירבו ימיכם וימי בניכם" איז נישט כשר.

איינער וואָס די פרנסה גייט איהם עפּעס נישט, קען זיין אַז עפּעס טויג נישט מיט'ן „ואספת דגנך" וגו'.

איינער וואָס ליידט שטאַרק אויפן מאָגען, קען זיין אַז דער „ואכלת ושבעת" טויג נישט.

איינער וואָס דאָס קינד וויל נישט צו לייגען דעם קאָפּ צום לערנען, קען זיין אַז דער „ולמדתם אותם את בניכם" טויג נישט.

איינער וואָס האָט אַ פחד באַנאַכט פון גנבים, קען זיין אַז דער „בשבתך בביתך" טויג נישט.

איינער וואָס האָט געהאַט ל"ע אַן עקסידענט, אָדער ער האָט פשוט מורא אַרויס צו גיין אויף די גאַס, קען זיין אַז דער „ובלכתך בדרך" טויג נישט.

איינער וואָס האָט הרהורי אמונה אין בטחון מיט השגחה פרטית, קען זיין אַז דער „פן יפתה לבבכם" וגו' טויג נישט.

איינער וואָס האָט ל"ע נישט געהאַט קיין קינדער, קען זיין אַז דער ,,קדש לי כל בכור", אָדער ,,וימי בניכם" טויג נישט.

איינער וואָס איז שטאַרק נישט אַפּעטיטלעך צום לערנען, קען זיין אַז דער ,,ודברת בם" טויג נישט.

איינער וואָס עס קומט איהם אויס אַסאַך אַרום צו וואַנדערען און אַוועק צו זיין פון דערהיים, קען זיין אַז דער ,,ואבדתם מהרה מעל הארץ" טויג נישט.

איינער וואָס ליידט אויף האַנט ווייטאָג קען זיין אַז דער ,,על ידך" אָדער ,,על ידכם" טויג נישט.

איינער וואָס ער ליידט אויף אויגען ווייטאָג, קען זיין אַז דער ,,בין עיניך" אָדער ,,בין עיניכם" טויג נישט.

די אַלע זאַכען זענען נישט קיין כללים ווייל די פאַרבאָרגענע סודות וואָס ליגט באַהאַלטען אין יעדען שטראָך פון יעדען אות איז ווייט ווייט העכער פון אונזערע השגות, דעריבער קען מען נישט אויסרעכענען וועלכע פסול האָט אַ שייכות צו וועלכע אָנשיקעניש, יעדענפאַלס איז מען מחויב על כל צרה שלא תבא זאפארט בודק צו זיין די מזוזות און תפילין.

אויב מען גייט קויפען תפילין אָדער אַ מזוזה זאָל מען געוואָרענט זיין צו קויפען אַ מזוזה נאָר ביי אַ ירא שמים, און עקסטער לאָזען באַקוקען ביי אַ צווייטען סופר ירא שמים און בודק זיין מינימום 2 מאָל אין 7 יאָר.

טייל קהילות האָבען געהאַט אַ תקנה אין דער אַלטער היים אַז יעדען חודש אלול מוז מען לאָזען בודק זיין די מזוזות און תפילין.

אין זכות פון די גרויסע מצוה וועלען מיר באַשירעמט ווערען פון אַלע צרות און זוכה זיין בקרוב צו די גאולה שלימה בב"א.

נ.ב.

**ווער עס האט אינטערעס צו זיין בכלל מזכה הרבים און העלפען אין די געוואלדיגע מצוה פון תפילין און מזוזות זאל זיך ווענדען טעלעפאניש אדער שריפטליך צו:**

RABBI S. GROSS
4711 — 12 Ane
Brooklyn, N. Y. 11219
Tel. 436-8086

# די וויכטיקייט פון כשר׳ע מזוזות

## אַ רוף צו אַלע אידען

**פון הרב שלום יהודה גראָס**

רב דקהל „מגן שאול" ור"מ בישיבה וכולל „בית ישעי'", ברוקלין, ניו יארק

בעמח"ס **נפש ישעי'** על מאכלות אסורות (ה"ח), **מנחת יהודה** על חומר איסור „חלב עכו"ם" ו„סימילאק", **מדריך לצניעות** על עניני צניעות, ועוד.

לעצטענס האָבען מיר אַרויסגעבּרענגט אויף די שפּאַלטען פון דער חרד׳ישער צייטשריפט „די תורה וועלט", די גאָכלעסיגקייט פון נישט אומקוקען זיך אַז די מזוזות זאָלן זיין, בפרט אין די זומערדיגע וואוינונגען, אין קעמפּס, באַנגעלאָוס, האָטעלן, א. ד. גל., זיין געהעריג, כשר, ווייל ווי באַוואוסט, זיינען די מזוזות אין די זומער־פּלעצער מערסטען טייל נישט אין אָרדענונג. די סיבות דערפון זיינען פאָלגענדע:

א) געוויינליך איז דער דורכשניטליכער איד נישט אַזוי מדקדק אַרויפצושטעלן אַן איינגעקויפטע מזוזה אין דער זומער־וואוינונג, ווי ער טוט עס אין זיין שטענדיגער וואוינונג אַ גאַנץ יאָר, ווייל ער פאַרלאָזט זיך, אַז אויף 2 חדשים וועט כשר זיין די מזוזה וואָס געפינט זיך דאָרט.

ב) אַפילו דער וואָס איז שוין יאָ מדקדק און קלאַפּט־אָן אויך זומער אַ נייע, אייגענע מזוזה, זוכט ער אויך צו שפּאָרן געלט ווי ווייט מעגליך און ער קויפט פון די ביליגע מזוזות, וואָס זיינען 90 פּראָצענט פּסול (ועיין בספר נפש ישעי' ח"א עמוד ע"ט באריכות).

ג) טייל מיינען, אַז זומער פעלט בכלל נישט אויס קיין מזוזה.

ד) מען פאַרגינט זיך נישט צו קויפען אַ געהעריגע מזוזה, טראַכטענדיג אַז איבעראַיאָר וועט מען דאָס מוזען איבערלאָזען פאַר אַנדערע.

איצט, מורי ורבותי! לאָמיר מאַכען אַ שטיקל חשבון הנפש, וואָס די זומער־חדשים קאָסטען־אָפּ — די באַנגעלאָו קאָסט כמעט אַ טויזענטער. מיטען אַהין און אַהער — בערך 150 ביז 200 דאָלער. אַנדערע עקספּענסעס, ווי עסנוואַרג און נויטיגע שטיב־זאַכען — בערך 300 דאָלער. טייל קינדער ווערן פאַרשיקט אין קעמפּס — בערך 500 דאָלער אַ קינד. ווער עס האָט מערערע קינדער בלעה"ר, גרייכט דאָס אין די טויזענטער. אַזוי אויך די וואָס ווערן, ליידער, באַראַבעוועט דורכ׳ן זומער — קומט צו אַן עקסטערן עקספּענס פון שווערע טויזענטער דאָלאַרען. חוץ דעם וואָס עס קען נאָך אַמאָל אָפּקאָסטען עגמת נפש און האַרץ־עסעניש, וואָס איז פאַרבונדען מיט גרויסע דאָקטאָר־בילס, א. ד. גל. — אָט אויף דעם אַלעם קאַרגט מען גאָרנישט, אָבער ווען עס האַנדעלט זיך אין אַזאַ געוואַלדיג־גרויסער מצוה ווי מצות מזוזה, קאַרגט מען 10 אָדער 20 דאָלער, און מ׳קויפט זיך איין ביליגע מזוזות.

אַפילו דער וואָס קויפט שוין יאָ אַ געהעריגע מזוזה, פאַרגעסט זיך אַז די זומערדיגע מזוזה מוז מען אויך בודק זיין, פונקט ווי די פון אַ גאַנץ יאָר.

מיט גרויס פרייד קענען מיר מיטטיילען, אַז די התעוררות אין דער הינזיכט האָט אָפּגעקלונ־

גען אויף ווייט און ברייט איבער גאנץ ניו יארק, נאך מער—רבנים זיינען אויך נתעורר געווארן און האבען גע'דרשנ'ט פייערדיג אין זייערע דרשות וועגען דער וויכטיגקייט פון באזארגען זיך מיט הונדערט־פראצענטיגע כשר'ע מזוזות, אפילו אין די זומער־וואוינונגען, און כ"ש א גאנץ יאר.

די רעזולטאטען פון דער התעוררות זיינען געוואלדיגע. א סך אידען האבען באלד ביים אנקום אין קאנטרי זיך גענומען צו די מזוזות, און ביים עפענען די מזוזות זיינען זיי שיער־ניט געפאלן חלשות — זעענדיג פאר זיך א שוידערליך בילד, א צורה פון א „מאנקי" אויפגעמאלען אין דער מזוזה. אט דאס איז געווען דער גאנצער אינהאלט פון דער מזוזה רח"ל. אין דער זעלבער קאלאניע, ווען מ'האט געעפענט א צווייטע מזוזה, האט מען געטראפען געדרוקטע אותיות אויף פאפיר. אן אנדערע מזוזה האט מען געטראפען גאנץ ליידיג, אן א ווערטער. דער סך־הכל פון דער באנגעלאו־קאלאניע, וואס באשטייט פון 30 משפחות בלע"ה, איז, אז קיין איין־איינציגע מזוזה איז נישט געווען כשר, און אזוי זיינען די באנגעלאוס באוואוינט געווארן צענדליגע יארן נאכאנאנד דורך אמת־היימישע אידען פון העכסטען קלאס.

אין א געוויסער באנגעלאו וואו עס איז מיט א יאר צוריק דערטרונקען געווארען א טאטע פון צווי קינדער ל"ע, האט מען געטראפען א פסול'ע מזוזה. אויך האט מען געטראפען ליידיגע מזוזה־שידלעך אן מזוזות אינעווייניג. עס זיינען אויך געפונען געווארען מזוזות מיט די אויפשריפטען „פרשנדתא", „וויזתא", „עשרת בני המן" וכו'. דאס האט זיך גענומען פון דעם וואס עפעס א קל האט צעשניטען א מגילת אסתר אין קליינע שטיקלעך און דאס פארקויפט אלס מזוזות.

על כן בעטען מיר פון די אלע וואס האבען נאך נישט בודק געווען זייערע מזוזות אין קאנטרי (ווי אויך פון א גאנץ יאר) — האט רחמנות אויף אייערע קינדער! אזוי ווי די חז"ל זאגען (שבת ל"ב ע"ב, טור ב"י ה' מזוזה יו"ד סי' רפה"ט) אז אין זינד פון מזוזה ווערען פארשניטען די לעבענס פון קליינע קינדער יונגערהייט ל"ע. האט רחמנות אויף זיך! ווייל די מזוזה איז א שמירה פאר אידען, וואו ער גייט און וואו ער קומט. אינטערעסאנט איז, וואס דער ב"י שרייבט (יו"ד ס' רפ"ה), אז דאס איז אן אפענער נס, וואס די וואס האבען נישט מזוזות אויף די טירן ווערן געשעדיגט און דער וואס האט יא א מזוזה אויף דער טיר ווערט נישט געשעדיגט!

צענדליגער אומגליקען האבען פאסירט אין פארלויף פון די לעצטע פאר יאר, באזונדערס אין די זומער צייטען, עקסידענטן ל"ע אן א שיעור, הונדערטער שטיבער זיינען בארעבעוועט געווארען; יונגע מענטשן זיינען ברוטאל דערמארדעט געווארען על קידוש השם אין האלד־אפס, און נאך פארשידענע אומגליקען וואס מען קאן נישט מיט געלט צוריקברענגען. און נאך איצט האט איר אלע ברירות צו ספענדען די פאר דאלער וואס עס דארף קאסטען א מזוזה און באשיינען די זומער־באנגעלאו מיט מהודר'דיגע מזוזות פון ערשטן קלאס. דורך דעם זענט איר בעזהשי"ת פארזיכערט, צוזאמען מיט אייער הויזגעזינד, דעם גאנצען מעת־לעת מכל צרה שלא תבא ברוחניות ובגשמיות.

**RABBI S. J. GROSS**
**4711 12th Ave., Brooklyn N.Y. 11219**

# די וויכטיקייט פון כשר'ע מזוזות

## א רוף צו רבנים

פון הרב שלום יהודה גראס

רב דקהל „מגן שאול" ור"מ בישיבה וכולל „בית ישעי'", ברוקלין, ניו יארק

בעמח"ס **נפש ישעי'** על מאכלות אסורות (ה"ח), **מנחת יהודה** על חומר איסור „חלב עכו"ם" ו„סימילאק", **מדריך לצניעות** על עניני צניעות, ועוד.

נאך דעם אויפרוף, וואס מיר האבן אפגעדרוקט פארגאנגענע וואך וועגן די מכשולות פון פסול'ע מזוזות, איז דאס גאנצע וועלט־אידענטום אויפגע־טרייסעלט געווארן און ווי זיך אויפגעכאפט פון א טיפען שלאף. לויט די פילע טעלעפאנישע, שריפטליכע און פערזענליכע באריכטען וואס איך האב באקומען, זיינען מיר ערשטוינט געבליבען הערענדיג פון פיל מענטשן, אז זיי ווייסן אפילו נישט אז מען דארף בודק זיין א מזוזה. נאך מער, מאנכע לומדים האבען אפילו גארניט געוואוסט, אז אין די זומער־וואוינונגען (קאנטריס) דארף מען אויך האבען א כשר'ע מזוזה, פונקט ווי א גאנץ יאר אין דער שטענדיגער היים.

דעריבער ליגט א פליכט אויף אלע רבנים זיי זאלען מעורר זיין זייערע בעלי בתים סיי די וויכ־טיגקייט פון בודק זיין מזוזות אויסשליסליך ביי א סופר ירא שמים מאוד, און סיי דאס מען זאל נישט קארגען קיין געלט און קויפען נאר הונ־דערט פראצענטיגע מזוזות, וואס זיינען כשר אויך לכתחילה.

כ"ק אדמו"ר מסאטמאר שליט"א האט מיט אן ערך 16 יאר צוריק שטארק פארדאמט ביי א קאנווענשאן די גרויסע שטרויכלונג פון די פסול'ע תפילין ומזוזות, וואס ווערן געדרוקט און געשריבען אין די שווערע טויזענטער, צוגעבענ־דיג דערביי, אז ער האט דאס מיט זיינע אייגענע אויגן געזען, און ער האט נאך צוגעגעבן, אז א גרויסער טייל פון דער פירצה ליגט אויפ'ן קאפ פון די רבנים וואס זיי טוען נישט גענוג ווארענען די בעלי בתים וואס פאר א מזוזות און תפילין צו קויפען און וואס נישט. (ועיין בספרי נפש ישעי' ח"א עמוד ע"ט באריכות).

די פראקטיק האט אונז איבערצייגט, אז די בעסטע בדיקות ווערען געמאכט ווען דער סופר וואס איז בודק די מזוזה איז נישט דער זעלבער וואס האט דאס פארקויפט. דאס מיינט בקיצור: אז מען דארף קויפן א מזוזה ביי א גרויסען ירא שמים, און נאך דעם געבען בודק צו זיין איידער מען נוצט דאס, פאר א סופר ירא שמים.

גלייכצייטיג איז פון גרויס וויכטיגקייט, אז די רבנים זאלען ערקלערן אלע איינצעלהייטען ווי אזוי זיך צו פירען מיט'ן ארויפלייגן די מזוזה, סיי צו וועלכער ריכטונג די מזוזה זאל זיין גע־בויגען; ווען דארף מען מאכען א ברכה און ווען נישט; ווי הויך די מזוזה זאל ליגען, און וועלכע שטיבער זיינען מחויב אדער פטור פון א מזוזה. (בקרוב וועט איה"ש ערשיינען דאס ספר „מזוזת שלום" אויף הלכות מזוזה, וואו עס ווערן ארומ־גערעדט אלע היינטיגע מכשולות וועגען מזוזה, ווי אויך אלע סארטען הלכות פונ'ם קויפען די מזוזה ביז'ן ארויפשטעלן, — מיט א קורצן און לייכטען לשון, אין דער אידישער שפראך, כדי אלע זאלען קענען פארשטיין, פון קליין ביז גרויס).

## בילינע מזוזות און טייערע מזוזות

ליידער בעווה״ר איז שטארק איינגעפירט ביי היימישע אידען שומרי תו״מ, וואס קארגען נישט קיין געלט און לאזען זיך קאסטען פאר א מצוה־זאך, פונדעסטוועגען ווען עס קומט איינצוהאנדלען פרשיות פאר תפילין, מזוזות און ס״ת אדער בתים, דאמאלס הייבט מען זיך אן צו דינגען אויפ׳ן פרייז. עס איז פשוט נישט צו גלויבען. אויף בר מצוה סעודות און חתונות מיט חתונה־קליידונג און סוויט טעיבל, פיקטשורס און מעבל מיט אנדערע שטוב־זאכן פארשווענדעט מען שווערע צענדליגע טויזענטער דאלארן, כאטש דאס איז נאר אויף איין טאג, און עפ״י תורה איז מען יוצא און מען איז גאר מחויב וועגען איסור בל תשחית צו מאכן און קויפען אלעס אויף א באשיידענעם אופן, אבער ווען עס האנדעלט זיך אין א מצוה־זאך, וואס דער אונטערשיד איז צווישען ביליג און טייער בלויז געציילטע דאלארן, — דאמאלס ווערט מען קארג, דאס מיינט, מען וויל נישט באצאלען מער ווי 3 אדער 5 דאלער פאר א מזוזה. א מילדער איז שוין גרייט צו ספענדען ביז 10 דאלער, אבער נישט מער, און די טייערע מזוזות, וואס זיינען אמת׳דיג כשר, קאסטען מינימום פון 15 דאלער און העכער. וואס זיינען די תוצאות פון דער דאזיגער האנדלונג? דער וואס האט געקויפט א ביליגע מזוזה האט ארויסגעווארפען 10 דאלער אומזיסט, ווייל פאר דעם געלט האט ער באקומען א פסול׳ע מזוזה, ווי דאס איז איבערצייגט געווארען ביי הונדערטער פאלען. און נישט בלויז האט ער ארויסגעווארפען די 7 דאלער, נאר זיין גאנצען פארמעגען, זיין לעבען און דאס לעבען פון זיינע ווייב און קינדער זיינען יעדע רגע אין א סכנה (ווי מיר ברענגען דא וויטער לעבעדיגע פאקטן).

די אורזאך דערפון איז, ווייל היינט צו טאג זיינען ליידער אלע מצות־ענינים פארוואנדעלט געווארען אין א ביזנעס. דעריבער לייגט דער מוכר ספרים דאס גאנצע געוויכט צו מאכען מזוזות מיט די ביליגסטע מיטלען, אויפ׳ן שנעלסטען אופן, וואס א פאכמאן דערקענט דאס אויף די היינטיגע מזוזות זעהר שנעל. די ביליגע מזוזות ווערען געמאכט אויף פארשידענארטיגע וועגען:

א) טייל זיינען געדרוקט אויף פאפיר!

ב) טייל זיינען געדרוקט אויף פארמעט!

ג) טייל זיינען געשריבן אויף פאפיר, וואס איז ענליך צו פארמעט!

ד) טייל מזוזות ווערען געשריבען פון פרויען און קליינע קינדער!

ה) א גרויסע טייל ווערט געשריבען דורך מחללי שבת!

ו) טייל מזוזות און תפילין ווערען געשריבען אינ׳ם הייליגען טאג פון שבת קודש!

ז) טייל ווערען געשריבען אויף מאטעריאל וואס איז געמאכט קינצליך, עס זאל אויסזען ווי פארמעט (אז מען קען ארויסציהען פעדעמער!).

ח) טייל ווערען געשריבען דורך סופרים וואס הייסען שומרי תו״מ און זיינען ליידער שטארק פארזונקען אין תאוות ממון, דעריבער שרייבען זיי אפ די מזוזות בליץ־שנעל, וואס דורך דעם זיינען די אותיות נישט געשריבען ווי מען דארף, אדער די אותיות רירען זיך אן איינער מיט׳ן אנדערן, ווי אויך פעלן א סך אותיות!

אט אזוי ווערען אנגעשריבען 97 פראצענט פון אלע ביליגע מזוזות, וואס ווערען געשריבן היינט־צו־טאג איבער דער גארער וועלט!!!

מיר קענען מיטטיילען, אז מערסטענס זיינען די קליינע מזוזות פסול. אפילו ווען איר זענט נישט קיין מבין אויף א כשר׳ער מזוזה, זענט איר ווייניגסטענס מחויב נישט צו קויפען אויסשליסליך א גרויסע מזוזה, זענט איר שוין מיט א גרעסערן פראצענט אויסגעהיטען פון די פסול׳ע מזוזות.

חשוב׳ע געערטע אידען!

אויב איר ווילט אייך פארזיכערן בעזר השי״ת מיט א געזונט, לאנג, רואיג לעבען, צוזאמען מיט אייער בני בית און קינדער — קארגט נישט די פאר דאלער וואס עס קאסט א טייערע מזוזה און די פאר דאלער פאר׳ן סופר א ירא שמים איבערצוקוקען צי די מזוזה איז ווירקליך כשר!

אויב איר ווילט אינוועסטירען געלט אין א גרויסער ביזנעס, וואו איר האפט צו באגליקען און פארדינען גרויסע געלטער, פארגעסט נישט דעם עיקר, אז אויב איר האט א ביליגע מזוזה׳לע איז אייער ארבעט אומזיסט!

אויב איר ווילט קויפען טייערע צירונג און אנדערע זילבערוואַרג אדער גאלדוואַרג, קענט איר נישט זיין פארזיכערט קעגען גניבות מיט די בעסטע פאליצייי, כל זמן איר האט נישט א כשר׳ע מזוזה אויף יעדער טיר.

אויב איר ווילט זיך איינריכטען מיט די שענסטע און בעסטע און טייערסטע מעבל, ווי אויך אלע אנדערע שטוב-געצייג, און איר ווילט זיין פארזיכערט מיט דער בעסטער אינשורענס פאליסי, דאן קלאפט ארויף אויף אייערע טירען כשר׳ע מזוזות, ווייל נאר דאס וועט אייך העלפן.

אויב איר ווילט זיין אויסגעהיט פון עקסידענטען, געזונטהייט-פעלערן, האלד־אפס, פאראליזשע, באוואוסטלאזיגקייט, רומאטיזם, ארטערייטיס א. ד. גל., דאן זעט דערצו איר זאלט האבען כשר׳ע מזוזות אויף אלע אייערע טירען.

אויב איר ווילט נישט מאכען 2 ברכות לבטלה יעדען טאג, דאן זאלט איר אכטונג געבען צו קויפען אייערע תפילין פון א סופר מומחה וירא שמים.

ווייל געדענקען זאלט איר, אז נישט נאר די אחריות פון אלע שטוב-אומגליקן ח״ו וואס פאסירן צוליב נישט-כשר׳ע מזוזות ליגט אויף דעם וואס האט געקארגט ביים קויפען די מזוזות, נאר אויך די רוחניות׳דיגע אחריות פון מבטל זיין יעדן טאג אזעלכע דערהויבענע מצוות פון מזוזה און תפילין ליגט אויף דעם קויפער, און אויף דעם אלעם וועט מען מוזן אפגעבען דין וחשבון פאר השי״ת.

## מזוזות פאר געשעפטען

ס׳איז וויכטיג אויפמערקזאם צו מאכען אלע געשעפטען און ביזנעסלייט, דאס א געשעפט אדער א ביזנעס איז אויך מחויב במזוזה, און דערפאר וואס א סך ווייסען נישט דערפון, פאסירט טאקע דירעקט ביי די געשעפטען ברוטאלע אומגליקען, ווי גניבות, שריפות און האלד־אפס, א גרויסע עם הארצות הערשט אויך ביי פילע ביזנעסלייט, וואס מיינען אז כאטש מען דארף האבען א מזוזה אין געשעפט, קאן מען יוצא זיין מיט א ביליגער מזוזה אויך, ווייל מען עסט נישט און מען שלאפט נישט דארט. אבער עפ״י שולחן ערוך איז דאס נישט אמת.

## יעדער איד איז מחויב צו טאן וועגען מזוזות

יעדער איד איז מחויב, לויט זיין מעגליכקייט, אפצוהאלטען זיך פון די אויבענדערמאנטע פסול׳ע ביליגע מזוזות און תפילין. דעריבער אויב איר קומט אריין אין א אידישער שטוב, וואס דער שטייגער איז אז די ערשטע זאך ביים אריבערטרעטען די שוועל איז ארויפצולייגען די האנט אויף דער מזוזה — איז אויב ער באמערקט אז די מזוזה איז קליין, איז ער מחויב זאפארט מעורר צו זיין דעם בעל הבית צו טוישען די מזוזה, ווייל 97 פראצענט איז זיכער אז די מזוזה טויג נישט. — נאר אפילו ער באגעגענט זיך מיט א גרויסער מזוזה, זאל ער אויך נישט פארפעלן צו פרעגן דעם בעל הבית, ווען ער האט לעצטנס בודק געווען די מזוזה און אויסגעפינען וואו ער האט געקויפט די מזוזה. גלייכצייטיג זאל ער באטראכטן צי די מזוזה איז ארויפגעשטעלט ווי מען דארף. דאס זעלבע ווען איר קומט אריין אין א סטאר אדער ביזנעס, אדער להבדיל ביהמ״ד, און איר זעט נישט קיין מזוזה, אדער א גאר קליינטשיגע מזוזה, דארף ער מעורר זיין דעם בעל הבית זאפארט צו קויפען א כשר׳ע מזוזה. אויך ווען ער גייט דורך שטיבער פון א פרעמדער דירה, און ער זעט א געוויסען פלאץ וואס דער בעל הבית האט נישט ארויפגעלייגט א מזוזה, גלויבענדיג אז דארט דארף מען ניט קיין מזוזה — דארף ער מעורר זיין דערויף.

באמערקונג: א בית מדרש איז אויך מחויב צו לאזען בודק זיין אירע מזוזות 2 מאל אין זיבן יאר (כמבואר בספרי מזוזת שלו׳ הלכות מזוזה).

## פראגען און ענטפערס

אין צוזאמענהאנג מיט דער מודעה פון פאר־גאנגענער וואך זיינען אנגעפרעגט געווארען פאר־שידענע פראגן. דעריבער גיבען מיר דא די ענט־פערס.

### פ ר א ג ע:

מעג מען אראפנעמען די מזוזות ווען מען פארט אהיים פון קאנטרי?

### ע נ ט פ ע ר:

מען טאר נישט אראפנעמען די מזוזות. און אויב מען טוט דאס יא, שטעלט מען זיך, מיט דער גאנצער משפחה אין א לעבענס־געפאר. (ועיין בספרי מזוזות שלו׳ באריכות). אינטערע־סאנט איז צו באמערקען, אז איינער פון די מקורבים פון כ"ק אדמו"ר מסאטמאר שליט"א האט אמאל אומוויסענדיג ארונטערגענומען די מזוזות פון זיין קאנטרי־דירה אין שעראן ספרינג. האט אים האדמו"ר מסאטמאר שליט"א שטרענג אויפגעפאדערט, אז ער זאל זיך זאפארט אויפ־הייבען און צוריקפארען קיין שעראן ספרינג און צוריק ארויפשטעלען אלע מזוזות, וויל ער שטייט יעדע רגע אין א סכנה ר"ל. (דער וועג אהין־און־צוריק מיט דער ארבעט איז בערך 15 שעה).

### פ ר א ג ע:

לוינט זיך וועגען 2 וואכן, ביז'ן סוף וואקיי־שאן, ארויפצושטעלען מזוזות אין דער קאנטרי?

### ע נ ט פ ע ר:

ביי א מצוה־זאך איז קיין שום אונטערשייד נישט אויב עס איז פאר איין מינוט אדער אויף יארען. אויב עס איז א חיוב, מוז מען. אויסער־דעם, קען ח"ו דורך די צווי וואכן פאסירן פאר־שידענע אומגליקען. וואס די מזוזה טוט דעם מענטש אויסהיטען פון זיי (זע בית יוסף יו"ד סי׳ רפ"ה אין ספר שערי שלו׳ באריכות)

### פ ר א ג ע:

צי איז א מדקדק במצוות זיך מחויב צו לאזען קאסטן פאר א שטארק מהודר'דיגער מזוזה 35 דאלער.

### ע נ ט פ ע ר:

ביי מצוות איז נישטא קיין שיעור, ווי מער מען צאלט אלץ מער שכר קריגט מען. אויסער אלעם, קאן מען מער זיכער זיין אז עס איז 100 פראָ־צענט כשר.

אט זעט איר ביי אתרוג, וואס די מצוה גע־דויערט 7 טעג יעדן טאג געציילטע מינוטען, און דאך זשאלעוועט מען נישט קיין געלט, כל־שכן מזוזה, וואס קען האלטען אויף א גאנץ לעבן, דארף מען אוודאי זיך לאזען קאסטען.

### פ ר א ג ע:

ווי אפט דארף מען בודק זיין א מזוזה און תפילין?

### ע נ ט פ ע ר:

אלע מזוזות און תפילין, סיי פריוואטע, סיי בתי מדרשים און אנדערע פאבליק פלעצער, דארף מען בודק זיין וויניגסטענס 2 מאל אין זיבן יאר. גאר גרויסע מדקדקים זיינען בודק יעדן חודש אלול (זע מט"א, קש"ע, מזוזות שלו׳).

### פ ר א ג ע:

זיינען די קלאס־שטיבער פון חדרים, ישיבות, כוללים, סקולס, אויך דארמיטאריס, האטעלן, מע־דיקעל אפיסעס, ביזנעס־אפיסעס א. ד. גל. יוצא מיט ביליגע מזוזה'לעך?

### ע נ ט פ ע ר:

אדרבא! ערשט דארט דארף מען לייגען טייע־רע מזוזות, וויל אויסער דער זיכערקייט און כש־רות, קוואליטעט פון די מזוזות, דארפן קינדער ערשט האבען שמירה, ווי די חז"ל דריקן זיך

אויס אויף די קליינע קינדער „שומר פתאים ד׳״, דאס זעלבע איז אויך שייך ביי מעדיקעל׳ס, וואו מען ווארט און האפט אז דער דאקטאר זאל זיין דער ריכטיגער שליח פון באשעפער צוצוטרעפן די פאסענדע הייל־מיטל פאר׳ן קראנקען.

## אומגליקען דורך פסול׳ע מזוזות

זינט מיר האבען מפרסם געווען די מודעה וועגען פסול׳ע מזוזות, זיינען מיר פארפלייצט געווארען פון אלע עקן מיט טעלעפאנישע באריכטען וועגען פארשיידענע שוידערליכע פאסירונגען, וואס זיינען פארלאפען די לעצטע צייטען, ווי מען האט געזען באשיינפערליך, און קיין שום צווייפעל ניט אז דאס האט פאסירט נאר צוליב פסול׳ע מזוזות. מיר וועלן ציטירן דא בלויז עטליכע פאלן;

א) דא לעצטנס, אין מיטן העלן טאג, וואו די גאס איז געווען באלאגערט מיט מענטשען, האבן אריינמארשירט עטליכע גוים, באוואפענט מיט רעוואלווערס און איינער האט גלייך אויסגעשטרעקט דעם רעוואלווער צו דעם וואס שטייט ביי דער קאסע. דער צווייטער האט אויסגעשטרעקט דאס געווער איבער׳ן צווייטען ארביי־טער. די רויבער האבען אוועקגענומען א גרויסע סומע געלט. גלייך דערויף האט דער בעל הבית אראפגענומען די קליינע מזוזה, און צום באדויערן געטראפען אז זי איז פסול.

ב) ביי א גאר־היימישען יונגערמאן זיינען עטליכע קינדער ל״ע געשעדיגט געווארען אין א דירה וואס האט געהאט פסול׳ע מזוזות.

ג) בדידי הוא עובדה מיט א סך יארן צוריק, ווען איך בין נאך גאר יונג געווען, פלעג איך גיין טאג־טעגליך ארויסהעלפען א האלב־פאראליזירטען איד. יענע צייט, עפ״י סיבה, האב איך געהערט פון מיין טאטען ע״ה, ווי ער גיט צו פארשטיין פאר א פערזאן די וויכטיגקייט פון מצות מזוזה, און ווי אזוי עס טוט אויסהיטען פון קראנקהייט און אנדערע אומגליקן. פלוצלינג האט מיר אריינגעבליצט א געדאנק אין מוח, אפשר איז דאס די אורזאך וואס דער איד ליידט אזוי פיל. האב איך נישט לאנג פארזוימט און נאכ׳ן באקומען רשות פון קראנקען איד האב איך געעפענט זיין מזוזה און געפונען אז עס האט געפעלט אן אות אדער ביים „בשכבך״ אדער ביים „ובקומך״. האב איך באלד געבראכט און ארויפגעקלאפט א נייע כשר׳ע מזוזה, און ביז א קורצער צייט איז דער איד פולקאם געזונט געווארן.

דעם פאלגענדען בריוו האב איך ערהאלטען אין איינעם פון די טעג פון הרב הגאון מוהר״ר משה יודא הכהן בלוי מווערבוי שליט״א, מחבר ומו״ל הרבה ספרי ראשונים מכת״י מהם; חי׳ הריטב״א על ב״ב פי׳ ר׳ אברהם מן ההר על מסכתות הרבה, ההשלמה, מאורות נתן, ועוד.

עש״ק והיה עקב תשמעון, לכבוד הגאון מקנא קנאת ה׳ לש״ש הרב שלו׳ יהוד׳ גראס שליט״א, מחבר נפש ישעי׳ מנחת יהודה, ומדריך לצניעות.

מאד נהנתי מדברי חיזוק שהשמיע מעכ״ת היום בעתון ע״ד מזוזה, מה יפים דברים היוצאים מפי עושיהם! שמעתי מעשה נורא שעשה בזה מורי הגאון הצדיק אב״ד חוסט ר׳ יוסף צבי דושינסקי זצוק״ל, שנכנס אצל אבל ובצאתו מביתו הניח ידו על מזוזה החדר בה נפטר הילד ומיד צוה לבדוק המזוזה. וכן ידוע מעשה נורא שקרה אצל הרב ממונקאטש נ״י בארא פארק, שעבר על דירת אחד מבני עירו שירד מנכסיו ר״ל, וצוהו לבדוק המזוזות והיה חסר תיבת בשכבך וכן בשדך. ותיקן האיש ההוא מזוזותיו וחזר לעושר ולבריאותו הראשונים. וזה האיש אני מכירו והעידו לפני ע״ז שני עדים כשרים! יישר ה׳ חילו ויזכה להרעיש עולמות בענין מזוזה!

תחזקנה ידיכם,

הק׳ משה יהוד׳ הכהן בלוי, מווערבוי.

ערהאלטענדיג דעם בריוו האב איך זיך פארבונדען טעלעפאניש מיט הרה״ג מוהר״ר מ. י. בלוי שליט״א, און אין מיטן געשפרעך האט ער מיר מיטגעטיילט נאך 3 וואונדערליכע פאסירונגען.

דאהי, אין בארא פארק, האט געוואוינט א יונגערמאן, וואס האט לאנגע יארען ל״ע נישט געהאט קיין קינדער. א צייט שפעטער האט ער זיך אריבערגעצויגען אין א נייער דירה און ארויפ־

געלייגט נייע מזוזות, איבערלאזענדיג די מזוזות אין דער אלטער דירה. נאך א קורצער צייט איז ער געהאלפען געווארען מיט א קינד. נישט לאנג דערויף רופט אים אפ דער יונגערמאן, וואס האט איבערגענומען זיין געוועזענע דירה, און דערציילט אים, אז ער האט געלאזט בודק זיין די מזוזות, וואס ער האט איבערגעלאזט, און גע־טראפען אז דאס ווארט „בניכם" פונ'ם פסוק „למען ירבו ימיכם" האט געפעלט קאמפלעט.

ב) די צווייטע מעשה איז פארלאפען נאך אין איראפע, אין שנת תרצ"ו. א איד מיט'ן נאמען לעסלי פרויד נ"י (וואס וואוינט היינט־צו־טאג אין פלעטבוש), איז געפארען צו הגה"צ מוהר"ר אזיק מספינקא זצוק"ל אויף סעלעש, וואס איז געווען מפורסם פאר א בעל רוח הקודש, און גע־פרעגט אן עצה פונ'ם צדיק, היות עס שטייט אים איצט אפצוקויפען א גרויס געשעפט אין פרעשבורג, נאר דער פראבלעם איז, וואס די אלע אידען וואס האבען ביז היינט אויפגעהאלטען דאס געשעפט, האבען אנגעזעצט (באנקראטירט). דער רבי זצ"ל האט אים תיכף געענטפערט, ער זאל אפקויפען דאס געשעפט, בתנאי, אזוי ווי דאס געשעפט האט אוודאי נישט קיין מזוזות, זאל ער תיכף ומיד ארויפקלאפען מזוזות. דער איד האט זיך געזעגענט און אהיים געפארען מיט א הארץ פול מיט האפענונג צוליב דער הבטחה פונ'ם צדיק. אנקומענדיג אהיים איז ער מיט'ן ברודער צוזאמען אריבער צום בעל הבית פארהאנדלען איבער'ן געשעפט. און ביים פארהאנדלען דאס געשעפט האט ער איבערדערציילט די אויבענ־דערמאנטע ווערטער פונ'ם צדיק. ווען דער בעל הבית האט דערהערט אז דער צדיק האט זיך אויסגעדריקט, אז ער האט נישט קיין מזוזות, האט ער זיך אנגערופען קאטעגאריש—ווי הייסט, עס איז נישטא דא קיין מזוזות? אוודאי זיינען דא פאראן מזוזות. און אלע דריי האבען זיך אויפ־געהויבען און דורכגעקוקט די טירן פון געשעפט און ואינגו! נישטא קיין איין מזוזה!

באלד דערנאך האט ער אפגעקויפט דאס גע־שעפט און געטאן הלכה למעשה און אויפגע־שטעלט מזוזות אויף אלע טירען. און בזכות זה האט השי"ת געהאלפען און ער האט אויסערגע־וויינליך מצליח געווען. זי"ע. (דער אדרעס פון געשעפט אין פרעשבורג איז 9 דאנאו גאססע, און די מעשה האט הרב בלוי שליט"א אליין געהערט פון מר. פרויד נ"י, וואס איז געווען דער וואס האט ארויפגעשטעלט די מזוזות, צוגעבענדיג דערביי, אז דער געוועזענער בעל הבית איז גע־ווען א תלמיד חכם וואס האט פארגעלערענט א שיעור ברבים. און די זעלבע מעשה איז באשטע־טיגט געווארען פונ'ם היינטיגען ספינקער רבי'ן שליט"א, וואס וואוינט אין בארא פארק).

ג) די דריטע פאסירונג שטייגט איבער אלע. ביי הרב בלוי שליט"א אין ביה"מ איז ל"ע פאר קיינעם געזאגט אוועק א יונגערמאן אין מיטן די בליהענדע יארען פון דער ריכטיגער מעשה. נאך דער פאסירונג האט הרב בלוי שליט"א מעורר געווען אלע זיינע מתפללים צו לאזען בודק זיין זייערע מזוזות. א צייט שפעטער איז געקומען דער שווער פונ'ם נפטר און געוויזען פאר הרב בלוי א מזוזה פונ'ם נפטר'ס שטוב, זאגענדיג דערביי: רבי, כ'בין א גאנץ קליינער ת"ח צו זיין א מבין אויף א מזוזה, אבער אויף דער מזוזה קען איך אויך עדות זאגען, אז זי איז פסול. הרב בלוי שליט"א האט אריינגעקוקט אין דער מזוזה און געפונען אפגעדרוקט די עשרת הדברות אויף ענג־ליש. שומו שמים!

באמערקונג; דא לעצטענס האט א פאפא יונ־גערמאן געקויפט א הויז און געטראפען א בילד פון א מאנקי, אנשטאט א מזוזה.

צום שלוס ווילען מיר ציטירען פון (טעם הצבי), וואו ער שרייבט פאלגענד: עס איז א מנהג ישראל, אז אויב איינער איז שטארק נישט געזונט, לאזט מען בודק זיין זיינע מזוזות. ענליך שרייבט דער ליקוטי מהרי"ח, אז תפילין פון א נפטר דארף מען בודק זיין איידער מען נוצט זיי.

דעריבער דארף יעדער געווארענט זיין נישט צו קארגען און זיך לאזען קאסטען פאר כשר'ע מזוזות און אין דעם זכות וועלען מיר ניצל ווערן פון אלע מיני צרות און זוכה זיין צו אלעם גוטען, אמן.

**יעקב לנדא**
**רב אב"ד דבני־ברק**
**ארץ־ישראל**

ב"ה כ' טבת תשכ"א
פעם ב' - יוד שבט

# לאפרושי מאיסורא

**היו למראה עיני מזוזות הנמכרות בבני־ברק ככשרות, ונחרדתי בראותי שפסולות הן מכל צד ואין עליהן שם מזוזה כלל.**

לכן באתי להזהיר את הרבים **לא לקבוע מזוזה טרם שנבדקה ע"י סופר מומחה ויר"ש לבל יכשלו בביטול מצוה שהחיים תלויים בה.**

ולשומעים יונעם ותבוא עליהם הברכה האמורה בתורה „למען ירבו ימיכם וימי בניכם וגו'"

**יעקב לנדא**
רב אב"ד דבני־ברק

**משה פיינשטיין**
**ר"מ תפארת ירושלים**
**בנוא יארק**

**בע"ה**

הנה ראיתי כמה מהספרים שנתחברו ע"י ידידי הרב הגאון מוהר"ר שלום יודא גראס שליט"א הרב דק"ק האלמין מברוקלין, ביניהם הספרים אכילת מצות בישראל ז' חלקים, אפיית המצות השלם ג"ח, שו"ת זבחו זבחי צדק, אהלי ישראל, דבר משה, מזוזת שלום, מנחת יהודה, קדושת ישראל, נפש ישעי' ועוד, וכולם נכתבו באופן וצורה שראויה לבני תורה לעיין בהם, שהגאון המחבר שליט"א אסף וביאר בחריפות ובקיאות נפלאה, ההלכות והשקפות ששייכים לכמה ענינים שהעולם, ר"ל, נכשלים בהם, ואף שלא שייך לי מחמת טרדת הזמן, אלא לעיין קצת בספרים, וממילא לא שייך לכתוב הסכמה לגבי החלטת הדינים, מ"מ כבר אתחזק גברא, שיש לסמוך על הגאון המחבר שליט"א, שחיבר ספריו לכבוד השם ותורתו, וממילא אני מקוה, שכל שומרי התורה יעזרו להגאון המחבר שליט"א, שבאמת מצוה גדולה לחזקו ולתומכו בכל האפשרות.

ועי"ז באתי על החתום לכבוד התורה ולומדיה,
ביום י"ח לחודש סיון תש"מ
**נאום משה פיינשטיין**

I have seen many of the Seforim authored by Rabbi Sholom Yehudah Gross שליט"א, Rabbi of Holmin, from Brooklyn, with whom I am well acquainted. Among them are the works entitled: *Achilath Matzoth B'Yisroel*, 7 vol.; *Afiath HaMatzoth Hashalem*, 3 vol.; *Responsa Zivchu Zivchei Tzedek; Oholei Yisroel; D'var Mosheh; Mezuzath Sholom; Minchath Yehudah;* and many others. They are all written in a manner and form worthy of the attention of Torah scholars. The author, a Gaon, has organized and explained each topic with extensive erudition and profound understanding. These Seforim document the laws and ideas concerning many areas of Halacha in which observance has, unfortunately, become lax. Shortage of time has denied me the possibility to properly review his works. I, therefore, am not in a position to endorse his legal decisions. However, this Gaon, the author, may be relied upon since he has already displayed his ability in this field, and has authored his works without any ulterior motives, only for the honor of G-d and His Torah. I, therefore, hope that all observant Jews will assist the learned author of these books, for it is a great Mitzvah to encourage him and support him as much as possible.

I, therefore, affix my signature in honor of the Torah and those who study it, on the eighteenth day of Sivan, 5740.

**Moshe Feinstein**